הרב ניסן וואקסמאן ניו־יארק / סלוצקער שמשים*

1

סלוצק האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע „כלי קודש". סלוצקער רבנים זענען דורות־לאנג געווען א „שם דבר" אין דער תורה־וועלט. אפילו סלוצקער שמשים זענען געווען אינטערעסאנטע טיפן.

פייוול דער שטאט-שמש

פייוול האראך איז שוין געווען א געבוירענער שמש. זיין פאטער ר' אהרן, דער בית־דין שמש, איז געשטארבן גאר יונג און איבערגעלאזן אסתר פרומען א אלמנה מיט פיר פיצ־לעך קינדער, איז קהל אנגעשטאנען אויף דעם, ער זאל איבערנעמען די שמש'עס. פייוול איז דאן אלט געווען בלויז פערצן יאר. פארמאגנדיק א גוטן קאפ צום לערנען, האט ער גראדע קיין חשק ניט געהאט ארייננקריכן אין שמש'עס. אבער דאס איז געווען דער אייגציקער אויסוועג צו שפייזן דער מאמען מיט די קליינע יתומימלעך. אזוי ארום איז פייוול געווארן צו פערצן יאר דער בית־דין־שמש און אויך „אונטער־שמש" פון דער קאלטער־שול. עטלעכע יאר שפעטער, ווען ר' הירשל דער „אויבער־שמש" פון דער קאלטער־שול איז אוועקגע־פארן קיין אמעריקע, איז פייוול געווארן דער הויפט שמש. טראץ דעם וואס פייוול איז געווען שטארק פארנומען מיט שטאט־זאכן, האט ער זיך פון זיינע ספרים קיין מאל ניט גע־שיידט און איז געווען באוווסט אלס קענער פון תנ"ך און בקי אין „עין־יעקב".

אלס בית־דין־שמש איז אים געוויינלעך אויסגעקומען פארברייננגען א גרויסן טייל פון זיין צייט ארום רב. פלעגט טאקע דער רב, ר' איסר זלמן, זיך ווענדן צו אים מיט פרא־געס: ווו געפינט זיך דער און דער פסוק אדער דער און דער מאמר חז"ל. ווען ליאטע דער שמש פון קצבישער שול איז געשטארבן, האט פייוול גלייך אנגעפאנגען זאגן דארט „עין יעקב" יעדן בין מנחה למעריב, ניט פאר געלט חלילה. פייוול איז געווען א קלוגער ייד און שטענדיק א צופרידענער, א גוט הארציקער, האבן אים טאקע אלע געאכטעט. אין די צוואנציקער יארן ווען די באלשעוויקעס האבן שוין רעק־וויזירט כמעט אלע שולן און ניט איבערגעלאזן קיין ארט פאר שמשות, האט זיך פייוול איינגעהאנדלט א פערד־און־וואגן און ארומגעפירט משאות אין שטאט און אמאל א פאסאזשיר צום באן, אבער זיין הויפט־חיונה האט ער געצויגן פון ברענגען פעסער וואסער און פארקויפן דאס צו דער סאוויעטישער שטאטישער סטאלאווע (רעסטאראן), כאטש די פירער האבן גריילעך געוווסט זיין „בורזשאזנע פארגאנגנהייט" אלס שטאט־שמש.

אין 1930 נאך טראצקיס מפלה, ווען די „טשעקא" האט געארבעט מעשים אויסצוראמען יעדן איינעם אויף וועמען ס'איז געפאלן דער מינדסטער חשד פון „טראצקיזם", האט מען אין סלוצק ארעסטירט א געוויסן יידישן קאמוניסט אלס טראצ־קיסט. ווי דער שטייגער, איז קיין געדעכעניש ניט פארבליבן פון אים, איבערלאזנדיק א יונגע פרוי מיט עטלעכע קליינע קינדער. די שטימונג איז געווען א שרעקלעכע. מ'האט געצי־



ר' ליאטע שמש פון דער קצבישער שול און פון דער קאלטער שול

טערט אפילו ריידן מיט דער פאמיליע. אין א פראסטיקן וויג־טערדיקן־פארטאג האט פייוול אנגעטאן זיין פעלץ און אוועק הינטערן שטאט און זיך געשטעלט אין „אטשערעד" א פאר שעה צו קריגן עטלעכע בינטלעך האלץ, אוועקגעפירט האט ער דאס צו דער פרוי פון דעם „טראצקיסט" און איבערגעלאזן עס דארט אן א פרוטה. ווען א האלב־דערפרארענער שפעט ביי־נאכט איז פייוול געקומען אהיים, האט אים זיין ווייב געפרעגט וואס האט ער פארדינט? האט פייוול געענטפערט מיט א טיפן קרעכץ: „חוה! ברוך השם איך האב היינט געהאט א גרויסן פארדינסט".

אין עלטער פון זעכציק יאר איז ר' פייוול אומגעקומען אין סלוצק אין 1941, דורך די נאציס ימח שמם. הי"ד ות.נ.צ.ב.ה.

ר' שלמה דעמבורג פון שניידערשער שול

ר' שלמה דעמבורג איז געווען א ייד א למדן, א שיינער בעל־דרשן מיט א וווּנדערבארן אויסזען, א בעל הדרת פנים. איידלקייט און גוטסקייט איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין געזיכט. א לוסטיקער, א מלא שמחהדיקער ייד און דאך א קבצן אין זיבן פאלעס, א מטופל מיט אכט קינדערלעך, וועלכע פלעגן ווארטן יעדן טאג אויף די פאר גראשן פון שמשות אין שניידערשער שול. אבער ר' שלמה האט זיך געשלעפט אזש פון וויגאדע, געטאן זיין ארבעט ערלעך, בנאמנות. פאר זיך האט ער ווייניק וואס געזארגט נאר פאר ארעמע לייט, אלמנות

*) די סעריע איז באזירט הויפטזעכלעך אויף אויטענטישע ידיעות פון חשובע פערזאנען וואס האבן פערלאנגט צו בלייבן אינקאגניטא.

נ. וו.

סלוצק - פנקס סלוצק ובנותיה ספר קהילה עמוד מס 304 הודפס ע"י תכנת אוצר החכמה